# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת ויצא, י"ב כסלו, שנת תשפ"ד לפ"ק
שנה 13, גליון 8 (628)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................4:14
מוצאי שב"ק.....................5:44

**שיעורים כסדרן**
נ"ך............ נחום ג – חבקוק א'
בבלי................. בבא קמא כ"ג
ירושלמי................... ערלה ט"ו
תוספתא................... שבת א'
רמב"ם................... אישות י"א

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

הֲלֹא בְרָחֵל עָבַדְתִּי עִמָּךְ וְלָמָּה רִמִּיתָנִי, יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַּאר לָבָן הָאֲרַמִּי אַז עֶר וֶועט אַרְבֶּעטְן פַאר אִים זִיבְּן יָאר אַז עֶר זָאל אִים גֶעבְּן רָחֵל פַאר אַ וַוייבּ, לָבָן הָאט אִים אָבֶער אוֹיסְגֶעפָּאפְּט אוּן אִים גֶעגֶעבְּן לֵאָה אַנְשְׁטָאט רָחֵל.

מְ'קֶען מַסְבִּיר זַיין וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי מַחְלוֹקֶת פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ מִיט לָבָן הָאֲרַמִּי, פַּארְוָואס יַעֲקֹב הָאט דַוְקָא גֶעוָואלְט הָאבְּן רָחֵל, אוּן לָבָן הָאט גֶעוָואלְט דַוְקָא גֶעבְּן לֵאָה, לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן מ"ט) אַז דֶער עִיקָר יֵצֶר טוֹב אוּן יֵצֶר הָרַע זֶענֶען דִי מַחְשָׁבוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וֶוען אַ אִיד טְרַאכְט גוּטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע מַחְשָׁבוֹת אִיז דָאס דֶער יֵצֶר טוֹב, אוּן פַּארְקֶערְט וֶוען אַ אִיד טְרַאכְט נֶעבֶּעךְ שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען אִיז דָאס דֶער יֵצֶר הָרַע.

אוּן אַזוֹי זֶעט מֶען אוֹיף גָאר אַסַאךְ פְּלֶעצֶער וִוי דֶער רֶבִּי רֶעדְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן הַארְבְּקֵייט פוּן דִי גֶעדַאנְקֶען פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן נ"ג) אַז פוּן יֶעדֶע מַחְשָׁבָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט, וֶוערְט פוּן דֶעם בַּאשַׁאפְן גַאנְצֶע זַאכְן, וָואס בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג, אוּן דֶערְפַאר דַארְף אַ אִיד זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת, עֶר זָאל פְּרוּבִּירְן נָאר צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר טְרַאכְטְן פוּן גוּטֶע זַאכְן, אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס ווִיל אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אִים שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶער אַז דֶער מֹחַ לוֹיפְט זֵייעֶר שְׁנֶעל אוּן ווִילְד, סְ'אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ הַאלְטְן דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ צוּ טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ע"ב) אַז אֲפִילוּ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס ווִיל אַוֶועקְלוֹיפְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אִיז אִים דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער, וַוייל ווִי מֶער עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי מַחְשָׁבוֹת, לוֹיפְן זֵיי אִים כְּסֵדֶר נָאךְ מֶער אוּן מֶער, וַוייל דָאס אִיז דִי נַאטוּר פוּן דִי מַחְשָׁבוֹת אַז ווִיפִיל מְ'פְּרוּבִּירְט פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן זֵיי, אַלְץ מֶער לוֹיפְן זֵיי נָאךְ דֶעם מֶענְטְשׁ. עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט צוּ שָׁאקְלֶען דֶעם קָאפּ אַהֶער אוּן אַהִין, דָאס נֶעמְט נִישְׁט אַוֶועק דִי מַחְשָׁבוֹת פוּן קָאפּ. אוּן דֶער רֶבִּי פִירְט דָארְט אוֹיס אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת אִיז נָאר צוּ גֵיין צוּ אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק, אוּן עֶר וֶועט אִים גֶעבְּן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אוּן דִי רִיכְטִיגֶע עֵצוֹת ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ הֵיילִיגְן אוּן רֵיינִיגְן אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַרַיינְקוּמֶען קַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת אִין קָאפּ. אוּן דֶערְוַוייל, ווִי לַאנְג מְ'הָאט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם, זָאל מֶען בִּכְלַל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי מַחְשָׁבוֹת, מְ'זָאל לָאזְן דִי מַחְשָׁבוֹת וַוייטֶער לוֹיפְן, אוּן וַוייטֶער טוּן גוּטֶע זַאכְן, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן אוּן מִסְחָר, אוּן בִּכְלַל נִישְׁט טְרַאכְטְן וֶועגְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת.

וָואס אִיז דִי עֵצָה וָואס דֶער אֱמֶת'עֶר צַדִּיק וֶועט גֶעבְּן? וֵוייסְן מִיר דָאךְ שׁוֹין וָואס דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצָה אִיז אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, דִי עֵצָה אִיז תְּפִלָּה, זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן וָואס מְ'גֵייט אַרִיבֶּער, נָאר אַזוֹי קוּמְט מֶען אָן צוּ יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ.

דָאס אִיז שׁוֹין אַ זַאךְ וָואס מְ'קֶען יָא מֶער אָנְכַאפְּן. דִי מַחְשָׁבוֹת זֶענֶען בַּאהַאלְטְן, מְ'קֶען זֵיי נִישְׁט אָנְטַאפְּן, זֵיי פְלִיעֶן זֵייעֶר שְׁנֶעל אַוֶועק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַרוֹיס פוּן קָאנְטְרָאל. דָאס מוֹיל אִיז אָבֶער שׁוֹין יָא מֶער אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה מִיטְ'ן מוֹיל, דַאן וֶועט דָאס שׁוֹין אוֹיסְרֵיינִיגְן אוֹיךְ זַיין מַחְשָׁבָה. מִיט יֶעדֶע וָוארְט וָואס אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַואקְסְט עֶר אוֹיס זַיין מֹחַ מֶער אוּן מֶער, אוּן אַז עֶר וֶועט דָאס אָנְהַאלְטְן אַזוֹי פַאר טֶעג אוּן יָארְן, וֶועט עֶר צוּם סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ רֵיינֶע אוּן הֵיילִיגֶע מַחְשָׁבוֹת, צוּ טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער יֵצֶר הָרַע אַרְבֶּעט דָאךְ אוֹיף אַלֶע וֶועגְן אַוֶועקְצוּנֶעמֶען אַ אִיד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֵיינֶע פוּן זַיינֶע וֶועגְן אִיז אַז עֶר פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ ווִי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר ווִיל גָאר הֶעלְפְן דֶעם אִיד זַיין מֶער עֶרְלִיךְ, אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג נֶעמְט עֶר אִים אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן א') אַז דִי סָארְט יֵצֶר הָרַע וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "לָבָן", עֶר טוּט זִיךְ אָן ווִי אַ וַוייסֶער מַלְאָךְ, עֶר קוּמְט מִיט אַ שֵׁיינֶעם לְבוּשׁ אַזוֹי ווִי עֶר ווִיל גָאר הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ נֶענְטֶער וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

"לֵאָה" אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי מַחְשָׁבוֹת וָואס זֶענֶען בַּאהַאלְטְן, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים כ"ט, כ"ח) "הַ'נִּסְתָּרֹת לַ'ה' אֱ'לֹקֵינוּ", וָואס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "לֵאָה". אוּן "רָחֵל" אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְ'ן דִיבּוּר, וָואס דָאס אִיז אַן אָפֶענֶע זַאךְ וָואס מְ'קֶען מֶער זֶען אוּן אָנְטַאפְּן, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ד', ז') "לַ'פֶּתַח חַ'טָּאת רֹ'בֵץ", וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן מ"ח) אַז דָאס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "רָחֵל", אוּן דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן מוֹיל (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן י"ט), ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִיכָה ז', ה') "שְׁמֹר פִּתְחֵי פִיךָ".

דֶער לָבָן הָאֲרַמִּי, דֶער וַוייסֶער יֵצֶר הָרַע, ווִיל אַוֶועקְנֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זַיין פָּאפֶּעְרֵיי, עֶר זָאגְט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַז דֶער עִיקָר זָאל עֶר אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִי מַחְשָׁבוֹת, צוּ הָאבְּן רֵיינֶע אוּן

<<<<<<

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### טְרֶעפְּל נָאךְ טְרֶעפְּל

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט דִי כּוֹחוֹת אוּן דִי מֶעגְלִיכְקֵייטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ צוּ זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט. יֶעדֶער אוֹיף זַיין וֶועג קֶען אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע זַאכְן. דִי סִיבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ, אִיז נָאר וַוייל עֶר גֶעבְּט אוֹיף וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער שְׁוֶועריִקֵייטְן. וֶוען עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי ווִי עֶר הָאט גֶעפְּלַאנְט, וֶועט עֶר אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעבְּן, אוּן זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְקְן צוּ גֵיין וַוייטֶער. וֶוען מֶען הָאט אָבֶער דֶעם שֵׂכֶל אוּן מֶען וֵוייסְט אַז דֶער לֶעבְּן גֵייט אֵייבִּיג אַזוֹי, עֶס זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג דָא שְׁוֶועריִקֵייטְן אוּן שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן עֶס אִיבֶּערְצוּקוּמֶען, דַאן וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, אוּן דָאס וָואלְט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה.

יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעזֶען אִין חָלוֹם אַ "סֻלָּם" - אַ לֵייטֶער, וָואס שְׁטֵייט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן גֵייט אַרוֹיף בִּיזְ'ן הִימְל. דָאס אִיז נִישְׁט נָאר גֶעוֶוען דֶער חָלוֹם פוּן יַעֲקֹב, נָאר דָאס אִיז אוֹיךְ אוּנְזֶער וֶועג-וַוייזֶער. אַלֶעס וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט מִיט

<<<<<<

## א גוט ווארט

מִיט תְּפִילָּה קֶען מֶען אַלֶעס בַּאקוּמֶען;

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת תְּפִלָּה, חֵלֶק ב', סִימָן י): "עַל יְדֵי תְּפִלָּה יָכוֹל לְשַׁנּוֹת זִוּוּגוֹ הַנִּכְרָז בַּשָּׁמַיִם", דוּרְךְ תְּפִילָּה קֶען מֶען טוֹישְׁן אֲפִילוּ דִי שִׁידוּךְ וָואס מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן אִין הִימְל; אַזוֹי ווִי מִיר זֶעעֶן, אַז לֵאָה הָאט גֶעדַארְפְט חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט עֵשָׂו הָרָשָׁע, אָבֶער זִי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְּן צוּ אַזַא רָשָׁע, הָאט זִי גֶעוֵויינְט, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כט, יז): "וְעֵינֵי לֵאָה רַכּוֹת" - פוּן אַסַאךְ וֵויינֶען, אַז זִי זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ עֵשָׂו; זִי הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זִי ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן צוּ אַ צַדִּיק, צוּ יַעֲקֹב אָבִינוּ. בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט אִיר תְּפִלָּה, זִי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט יַעֲקֹב אָבִינוּ אוּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דִי הֵיילִיגֶע שְׁבָטִים.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּפִילָּה; אוֹיבּ מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן אַ מַאן אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִקֵּץ תשע"ח)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחְמָנוּת, נִישְׁט אַז עֶס מוּז זַיין וְוי אִיךְ וְוִיל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, י"א כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן
לִכְבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם, שֶׁיִּחְיוּ.

דִי וָואךְ זֶעעֶן מִיר אִין דִי פַּרְשָׁה זֵייעֶר אַסַאךְ חִיזוּק אוֹיף תְּפִלָּה; יֶעדֶע זַאךְ פוּן דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת אוּן פוּן דִי הֵיילִיגֶע אִמָהוֹת אִיז גֶעוֶוען נָאר תְּפִלָּה.

לֵאָה הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט יַעֲקֹב נָאר וַוייל זִי הָאט אַסַאךְ גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; כָאטְשִׁיג אִיר שִׁידוּךְ אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעגְרֵייט אַז זִי זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט עֵשָׂו, אַלֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז לֵאָה וֶועט חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט עֵשָׂו אוּן רָחֵל מִיט יַעֲקֹב, דָאךְ הָאט זִי נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן; זִי הָאט גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעבֶּעטְן בִּיז זִי הָאט בַּאקוּמֶען יַעֲקֹב אָבִינוּ.

דָאס אִיז שְׁטַארְקֶע חִיזוּק פַאר אוּנְז; "מַעֲשֵׂה אָבוֹת – סִימָן לְבָנִים (עַיֵּין תַּנְחוּמָא לֶךְ לְךָ, ט)", מִיר דַארְפְן נָאכְגֵיין אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן. יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר דַארְפְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר ווִילְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס קְוֶועטְשְׁט אוּן טוּט וֵויי – זָאלְן מִיר נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען נִישְׁט נֶעמֶען מִיט גֶעוַואלְד. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצו): "אָסוּר לְאָדָם לַעֲמֹד עַצְמוֹ עַל שׁוּם דָּבָר, הַיְנוּ שֶׁאָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ בִּתְפִילָּתוֹ – שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יַעֲשֶׂה לוֹ דַּוְקָא אֶת בַּקָּשָׁתוֹ וְכוּ'", אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁנֶ'ען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז מִיט אִים טוּן ווִי אַזוֹי עֶר וִויל, "רַק צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל וּלְהִתְחַנֵּן לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים, אִם יִתֵּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ – יִתֵּן, וְאִם לָאו לָאו", נָאר מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחְמָנוּת, אַזוֹי ווִי מֶען בֶּעט זִיךְ בַּיי אֵיינֶעם עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן אִיז גוּט, אוּן אַז עֶר וֶועט אִים נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן – אִיז נִישְׁט.

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, יג): "אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע", קֶבַע אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן גְּזֵלָה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, כג): "'וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ' – הַיְנוּ שֶׁכָּל מַה שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ, הֵן פַּרְנָסָה אוֹ בָּנִים אוֹ שְׁאָר צְרָכִים, אָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ וְלַעֲמֹד עַצְמוֹ בִּתְפִילָּתוֹ, שֶׁדַּוְקָא יַעֲשֶׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת תְּפִילָּתוֹ", וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, אוֹיף קִינְדֶער אָדֶער אַנְדֶערֶע גֶעבֶּעטְן, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁנֶ'ען אַז עֶס מוּז זַיין אַזוֹי ווִי עֶר ווִיל, "כִּי זֶה הוּא תְּפִלַּת קֶבַע, שֶׁלּוֹקֵחַ הַדָּבָר בְּחָזְקָה בִּגְזֵלָה, רַק יִתְפַּלֵּל רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים כַּנַּ"ל".

מִיט דֶעם קֶען מֶען שוֹין פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף רָחֵל; לִכְאוֹרָה רָחֵל הָאט דָאךְ גֶעטוּן וָואס אַ אִיד דַארְף טוּן, רָחֵל הָאט גֶעבֶּעטְן יַעֲקֹב'ן (בְּרֵאשִׁית ל, א): "הָבָה לִּי בָנִים", גֶעבּ מִיר קִינְדֶער; דָאס דַארְף דָאךְ אַ אִיד טוּן, גֵיין צוּ אַ צַדִּיק בֶּעטְן אַ בְּרָכָה פַאר קִינְדֶער. רַשִׁ"י זָאגְט, אַז רָחֵל הָאט גֶע'טַעֲנָה'עט צוּ יַעֲקֹב: דַיין טַאטֶע יִצְחָק הָאט גֶעדַאוֶונְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר רִבְקָה, פַארְוָואס בֶּעטְסְטוּ נִישְׁט פַאר מִיר? שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ שְׁטַארְקֶע פְרַאגֶע, פַארְוָואס הָאט זִיךְ יַעֲקֹב אוֹיפְגֶערֶעגְט (שָׁם, ב): "וַיִּחַר אַף יַעֲקֹב בְּרָחֵל", זִי הָאט דָאךְ גֶעטוּן וָואס מֶען דַארְף טוּן, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא קטז.): "כָּל שֶׁיֵּשׁ לוֹ חוֹלֶה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ", וֶוער עֶס הָאט אַ צָרָה אִין שְׁטוּבּ, "יֵלֵךְ אֵצֶל חָכָם וִיבַקֵּשׁ עָלָיו רַחֲמִים", זָאל גֵיין צוּ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד עֶר זָאל בֶּעטְן פַאר אִים!

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט וֵויי גֶעטוּן וֶוען רָחֵל הָאט גֶעזָאגְט: "וְאִם אַיִן – מֵתָה אָנֹכִי", אוֹיבּ הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קֵיין קִינְדֶער בִּין אִיךְ אַ טוֹיטֶע; אַזוֹי רֶעדְט נִישְׁט אַ אִיד! דִי עֶרְשְׁטֶע בַּקָּשָׁה הָאט זִי זֵייעֶר שֵׁיין גֶעזָאגְט: "הָבָא לִי בָנִים", בֶּעט פַאר מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן קִינְדֶער, אַזוֹי דַארְף מֶען טוּן; מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם צַדִּיק זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין, אָבֶּער "וְאִם אַיִן – מֵתָה אָנֹכִי" – אוֹיבּ נִישְׁט בִּין אִיךְ אַ טוֹיטֶע?! אוֹיבּ נִישְׁט אִיז עֶק וֶועלְט?! אַ אִיד דַארְף ווִיסְן "אוֹיבּ נִישְׁט" – וֶועל אִיךְ וַוייטֶער לֶעבְּן, "אוֹיבּ נִישְׁט" – וֶועל אִיךְ וַוייטֶער זַיין פְרֵיילִיךְ; וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען נִישְׁט נֶעמֶען מִיט גֶעוַואלְד.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; גֵייט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְס אִים בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן, בֶּעטְס אִים וָואס אִיר דַארְפְט, אוּן אוֹיבּ מֶען זֶעט נִישְׁט דִי יְשׁוּעָה זָאל מֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן, זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**
**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.**

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת, אִיז אַ סִימָן פַאר אוּנְז, אוּן לֶערְנְט אוּנְז דֶעם וֶועג ווִי אַזוֹי מִיר זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ מִלִיזֶענְסְק זי"ע זָאגְט אִיז זַיין תְּפִלָּה: "וּמִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה תַּעֲלֵנוּ, שֶׁנִּזְכֶּה לָבוֹא לְמַעֲלַת אֲבוֹתֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים, אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב" - עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, בִּיז'ן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי מַדְרֵיגוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת, אַבְרָהָם יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב.

אֲפִילוּ וֶוען אַ אִיד לִיגְט מַמָּשׁ אִין דֶער עֶרְד, עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט וֶוערְד, עֶר פִּילְט אַז עֶר אִיז מַמָּשׁ דֶער נִידֶערִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, דַארְף עֶר אָבֶּער ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶן אַז דָארְט אוֹיף דֶער עֶרְד שְׁטֵייט אַ גְרוֹיסֶער לֵייטֶער בִּיז'ן הִימְל, עֶר דַארְף זִיךְ נָאר צוּזַאמְנֶעמֶען אוּן אָנְהוֹיבְּן אַרוֹיפְקְרִיכְן אוֹיפְ'ן לֵייטֶער, אוּן דַאן וֶועט עֶר אָנְקוּמֶען בִּיז'ן הִימְל אַרַיין.

ווִי אַזוֹי קְרִיכְט מֶען אַרוֹיף דֶעם לֵייטֶער? שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (ח"ג רס"ז ע"א) אַז "סוּלָם" אִיז בְּגִימַטְרִיָּא "קוֹל". דֶער קוֹל פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז דֶער לֵייטֶער. בְּלוֹיז מִיטְ'ן קוֹל אַלֵיין, קֶען מֶען אַרוֹיפְקְרִיכְן אוּן אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע שְׁטַאפְּלֶען אִין לֶעבְּן.

### כַאפּ דִיךְ אָן אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ

אֵיידֶער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוָוארְן מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז עֶר גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן קְדוּשַׁת לֵוִי זי"ע. אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעזִיצְן אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי חֲסִידִים בַּיי מְלַוֶּה מַלְכָּה, מֶען הָאט גֶעמַאכְט דָארְט אַ גוֹרָל וֶוער עֶס זָאל גֵיין קוֹיפְן בֵּייגֶעלֶעךְ פַאר דִי סְעוּדָה, אוּן דֶער גוֹרָל אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן. רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם בֶּעקֶער, אוֹיפְ'ן וֶועג אִיז עֶר אָבֶּער גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט, עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן מִיט בִּיטֶערְנִישׁ: "צוּלִיבּ דֶעם בִּין אִיךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן? צוּ קוֹיפְן בֵּייגֶעלֶעךְ?!" עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין וַוייטֶער צוּ קוֹיפְן דִי בֵּייגֶעלֶעךְ. עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין עֶפֶּעס אַ לֵיידִיגְן בֵּית הַמִּדְרָשׁ אִין דִי וַוייבֶּער שׁוּל, עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זָאגְן אוּן זֵייעֶר וֵויינֶען, עֶר הָאט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז קַאפִּיטְל נ' מִיט גְרוֹיסֶע בְּכִיּוֹת, פוּן גְרוֹיס אוֹיסְמוּטְשֶׁעְנִישׁ הָאט עֶר אַיינְגֶעדְרִימְלְט.

עֶר הָאט גֶע'חָלוֹמְ'ט ווִי עֶר זֶעט אַ גְרוֹיסֶע לֵייטֶער בִּיז'ן הִימְל אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט אַרוֹיפְצוּקְרִיכְן אוֹיפְ'ן לֵייטֶער. עֶר אִיז אַרוֹיף עֶטְלִיכֶע טְרֶעפּ, אוּן עֶר אִיז צוּרִיק אַרָאפְּגֶעפַאלְן, עֶר הָאט נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְט אַרוֹיף צוּ קְרִיכְן, עֶר אִיז אָבֶּער אַלְץ צוּרִיק גֶעפַאלְן, עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט מִיט שְׁטֶערְקֶערֶע כּוֹחוֹת צוּ קְרִיכְן נָאךְ הֶעכֶער אוֹיפְ'ן לֵייטֶער, עֶר אִיז אָבֶּער וַוייטֶער אַרָאפְּגֶעפַאלְן. ווִי הֶעכֶער עֶר אִיז גֶעקְרָאכְן, אַלְץ שְׁטֶערְקֶער אִיז גֶעוֶוען דֶער קְלַאפּ וֶוען עֶר אִיז גֶעפַאלְן. בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעקְרָאכְן גָאר הוֹיךְ, אוּן דַאן אִיז עֶר גֶעפַאלְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע קְלַאפּ, אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן... מֶער קֶען עֶר נִישְׁט.

אוּן דַאן הָאט עֶר גֶעזֶען ווִי אֵיינֶער שְׁטֵייט פוּן אוֹיבְן אוּן שְׁרֵייט אַרָאפּ צוּ אִים: "דְרַאפֶּע זִיךְ, אוּן הַאלְט זִיךְ!" - קְרִיךְ אוּן הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק אָן!

דָאס אִיז גֶעוֶוען אוּמְגֶעפֶער אַ יָאר אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר דֶערְקֶענְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט אִים דַאן מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן גֶעשְׁטַארְקְט אַז עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן קֵיינְמָאל, נָאר קְרִיכְן אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת.

דֶערְנָאךְ הָאט אִים דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר, רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַאר'ן רֶבִּי'ן אַלֶעס וָואס לִיגְט אִים אוֹיפְ'ן הַארְץ, דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט דִי הַאנְט אוֹיף זַיין אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט: "נָאךְ דֶעם אַלֶעם אִיז גוּט וֶוען מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי מֶער רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד". דַאן הָאט רֶבִּי נָתָן פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם חָלוֹם, וָואס דֶער וֶועג אִיז ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן אַרוֹיפְקְרִיכְן אוֹיף דֶעם שְׁוֶוערְן לֵייטֶער-לֶעבְּן, דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען גֶעווּאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, דָאס גֶעבְּט דִי כֹּחַ אוּן שְׁטַארְקֵייט פַאר'ן מֶענְטְשׁ אִיבֶּערְצוּקוּמֶען אַלֶע סָארְט שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן אַרוֹיפְקְרִיכְן טְרֶעפְּל נָאךְ טְרֶעפְּל בִּיז'ן אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע שְׁטַאפְּל פוּן הַצְלָחָה.

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

דֶער לֵייטֶער אִיז טַאקֶע זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן הוֹיךְ, מֶען דַארְף אָבֶּער נָאר קוּקְן אוֹיף אֵיין טְרֶעפְּל אוֹיפְאַמָאל. אוֹיבּ קוּקְט מֶען גְלַייךְ אַרוֹיף בִּיז אוֹיבְן, קֶען מֶען וֶוען צֶעבְּרָאכְן אַז מֶען הָאט נָאךְ אַזוֹי סַאךְ אַרוֹיפְצוּקְרִיכְן, וֶוען מֶען אָבֶּער נָאר אוֹיף אֵיין טְרֶעפְּל אוֹיפְאַמָאל אִיז עֶס פִיל גְרִינְגֶער. אוּן וֶוען מֶען הַאלְט זִיךְ אִין אֵיין צוּרִיק אַרָאפְּגְלִיטְשְׁן, דַארְף מֶען זִיךְ אָבֶּער שְׁטַארְקְן אוּן אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל צוּ קְרִיכְן. דָאס אִיז דֶער לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ. מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי דוּרְכְפֶעלֶער, מֶען דַארְף נָאר פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן אוֹיבּ וֶועט מֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, וֶועט מֶען זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער קוֹל אִיז דִי טְרֶעפּ פוּנֶעם לֵייטֶער. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מַתָּנָה - דִי מוֹיל. מִיט דֶעם מוֹיל וֶועלְן מִיר אַרוֹיפְקְרִיכְן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע שְׁטַאפְּל, אוּן מִיט דֶעם מוֹיל וֶועלְן מִיר אַרִיבֶּער קְרִיכְן אַלֶעס סָארְט שְׁוֶועריִקֵייטְן.

צַדִיקִים זָאגְן (עַיֵין זֶרַע קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵצֵא) אַז דֶער וָוארְט קוֹל אִיז אַזוֹי וִוי אַ לֵייטֶער. עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן מִיט'ן "ק" וָואס שְׁטֵייט זַיין פִּיסְל שְׁטֵייט טִיף אוּנְטְן אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיטְ'ן "ל" וָואס זַיין טוּרֶעם שְׁטַארְט אַרוֹיס הוֹיךְ אוֹיף אַרוֹיף. דֶער קוֹל פִירְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע פְּלֶעצֶער, בִּיז צוּם הֶעכְסְטְן פְּלַאץ.

דֶער לֵייטֶער אִיז נִישְׁט נָאר דֶער "קוֹל" פוּן תְּפִלָּה, נָאר אוֹיךְ דֶער "קוֹל" פוּן תּוֹרָה. חַזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סה, כ) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כז, כב) "הַקוֹל קוֹל יַעֲקֹב וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו" - וִוי לַאנְג דֶער קוֹל פוּן יַעֲקֹב, דִי אִידְן, וֶוערְט גֶעהֶערְט אִין דִי בָּתֵּי כְּנֵסִיּוֹת אוּן בָּתֵּי מִדְרָשׁוֹת, קֶענֶען דִי הֶענְט פוּן עֵשָׂו זֵיי גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן. דֶער פָּסוּק זָאגְט "הַקוֹל קוֹל" - עֶס זֶענֶען דָא צְוֵויי סָארְט קוֹלוֹת וָואס הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז דֶער "קוֹל תּוֹרָה" אוּן דֶער "קוֹל תְּפִלָּה". וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז דִי הֶענְט פוּן עֵשָׂו הָאבְּן אִים אַרַיינְגֶעכַאפְּט, עֶר זִינְקְט טִיף אִין דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן עֵשָׂו, דַארְף עֶר אָנְהוֹיבְּן צוּ נוּצְן דִי קוֹלוֹת פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, אוּן דַאן וֶועלְן זֵיי נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שְׁלִיטָה אוֹיף אִים.

### וואוּ מֶען גֵייט נָאר

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ע"ח) אַז דֶער דִיבּוּר וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "אֵם הַבָּנִים". אִין קַבָּלָה וֶוערְט דָאס רֶעדְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אָנְגֶערוּפְן אַזוֹי וִוי אַ מַאמֶע. דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז אַזוֹי וִוי אַ מַאמֶע לָאזְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אִיבֶּער אִיר קִינְד. וִויפִיל דָאס קִינְד זָאל זִיךְ נָאר פַארְשְׁמִירְן אוּן זִיךְ צוּקְלַאפְּן, וֶועט דִי מַאמֶע נָאכְאַלְץ אֵייבִּיג זַיין צוּ זַיין הַאנְט אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן, אִים אָפְּוַואשְׁן, אוֹיפְהוֹיבְּן, אוּן שֵׁיין אָנְטוּן.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז דָאס רֶעדְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. וֶועט דָאס מִיטְגֵיין מִיט אִים סֵיי וואוּ אִימֶער. אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ פַארְשְׁמִירְן מִיט דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן, וֶועט דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיטְגֵיין מִיט אִים, אוּן אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן סֵיי וֶועלְכְן פְּרָאבְּלֶעם.

מֶען דַארְף אָבֶּער הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד. מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיף אֵיינְמָאל אַרוֹיף טַאנְצְן פוּן אוּנְטְן בִּיז צוּם הֶעכְסְטְן טְרֶעפְּל אוֹיפְ'ן לֵייטֶער. מֶען קֶען נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע שְׁוֶועריַקֵייטְן, פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען. מֶען דַארְף גֵיין צוּשְׁטַייטְלֶעךְ טְרֶעפְּל נָאךְ טְרֶעפְּל. מֶען בֶּעט אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אוּן אַזוֹי וֶוערְט מֶען צוּבִּיסְלֶעךְ גֶעהָאלְפְן מֶער אוּן מֶער. אוֹיבּ וִויל מֶען אַרוֹיפְטַאנְצְן עֶטְלִיכֶע טְרֶעפּ אוֹיף אֵיינְמָאל, קֶען מֶען זֵייעֶר גְרִינְג אַרָאפְּפַאלְן אוּן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּקְלַאפְּן, אוּן דַאן קֶען מֶען פַארְלִירְן דִי מוּט אָנְצוּהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט.

בַּיי תְּפִלָּה דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן אֲרִיכַת אַפַּיִם. דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָהוּ מה, ט) וּתְהִלָּתִי אֶחְטָם לָךְ", זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ב') אַז תְּפִלָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דִי נָאז, דִי נָאז וַוייזְט אוֹיף "אֲרִיכַת אַפַּיִם", מֶען דַארְף הָאבּ גֶעדוּלְד אוּן אוֹיסְוַוארְטְן אוֹיף דִי יְשׁוּעָה, אָבֶּער סוֹף כָּל סוֹף וֶועט דִי יְשׁוּעָה זִיכֶער אָנְקוּמֶען.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג. עֶר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער זֶען צוּם סוֹף דִי גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ וָואס עֶר דַארְף אָנְקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ לְפַּרְשַׁת וַיֵצֵא)

<<<<<< אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

הֵיילִיגֶע מַחְשָׁבוֹת, צוּ טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. פוּן אוֹיבְּנְאוֹיף זֶעט דָאס אוֹיס וִוי אַ גוּטֶע זַאךְ, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם, וַוייל מְ'קֶען נִישְׁט אַרְבֶּעטְן גְלַייךְ אוֹיף דִי מַחְשָׁבוֹת. דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעוָואלְט גֶעבְּן קוֹדֶם לֵאָה וָואס אִיז מְרַמֵז אוֹיף דִי מַחְשָׁבוֹת.

יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט אָבֶּער גֶעוואוּסְט דֶעם אֱמֶת, אַז כְּדֵי צוּ וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, כְּדֵי אַז דֶער מֹחַ זָאל טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מוּז מֶען אָנְהוֹיבְּן קוֹדֶם מִיטְ'ן מוֹיל, דֶערְפַאר הָאט עֶר דַוְקָא גֶעוָואלְט הָאבְּן רָחֵל, וָואס אִיז מְרַמֵז אוֹיפְ'ן מוֹיל.

דֶערִיבֶּער דַארְף אַ אִיד זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיטְ'ן מוֹיל, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס זַיין קָאפּ אוּן מֹחַ טְרַאכְטְן, אֲפִילוּ עֶר אִיז נָאךְ גֶעפַאנְגֶען בַּיים יֵצֶר הָרַע, זַיין מֹחַ טְרַאכְט לֵיידֶער נָאר פוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, זָאל עֶר אָבֶּער נוּצְן זַיין מוֹיל צוּ רֶעדְן נָאךְ אַ וָוארְט אוּן נָאךְ אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין מוֹיל זָאל זָאגְן נָאךְ אוּן נָאךְ וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה, אֲפִילוּ אוֹיף דִי מִינוּט זֶעט מֶען נִישְׁט וָואס דָאס טוּט אוֹיף, אוֹיבּ אָבֶּער וֶועט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר רֶעדְן אוּן רֶעדְן נָאךְ אוּן נָאךְ גוּטֶע זַאכְן, וֶועט צוּם סוֹף זַיין מֹחַ זִיךְ אוֹיסְלַייטֶערְן, עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

(תּוֹךְ הַנַּחַל וַיֵצֵא תשס"א)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## אִיר רֶעדְט קֵיינְמָאל נִישְׁט פוּן גֶעלְט, הָאט אִיר דִי רַייכְסְטֶע יְשִׁיבָה?

**שְׁאֵלָה:**

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ וִויל אַייךְ נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען פַאר אַייעֶרֶע הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים וָואס גֶעבְּט מִיר לֶעבְּן מִיט חִיזוּק אוּן מַאכְט אַז אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין.

אִיךְ הָאבּ פוּנְקְט יֶעצְט גֶעלֵיינְט (מִכְתָּב קד) וִוי אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר זֶענְט אַרַיין אִין גְרוֹיסֶע חוֹבוֹת, וָואס דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי, וַוייל אִיר טוּט דָאךְ אוֹיף פַאר אַזוֹי סַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס אִיר קֶענְט אֲפִילוּ נִישְׁט (אַזוֹי וִוי אִיךְ), אוּן אִיר דֶערְמַאנְט נִישְׁט קַיין וָוארְט קֵיינְמָאל אַז דֶער וָואס וִויל קֶען אַרוֹיס הֶעלְפְן מִיט אַ קְלֵיינֶע נְדָבָה.

בַּיי יֶעדֶע אַנְדֶערֶע פְּלַאץ, אִיז אֵיינֶע פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאכְן: "אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר גֶעבְּן עֶפֶּעס גֶעלְט פַאר דִי מוֹסְדוֹת?" אוּן דָא וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אוֹיסְגֶעהֶערְט אַלֶע שִׁיעוּרִים, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהֶערְט אִיר זָאלְט דֶערְמַאנֶען אַ וָוארְט וֶועגְן גֶעלְט, מֶען קֶען מֵיינֶען אַז דָאס אִיז דִי רַייכְסְטֶע יְשִׁיבָה אוֹיף דֶער וֶועלְט.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ אוֹיבּ אִיר קֶענְט בִּיטֶע מוֹדִיעַ זַיין וואוּ מֶען קֶען רוּפְן אִיבֶּער צוּ גֶעבְּן נְדָבוֹת פַאר דִי מוֹסְדוֹת.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, מִיט קַיין שׁוּם גֶעלְט אִין דִי וֶועלְט קֶען אִיךְ נִישְׁט אוֹיסְדְרִיקְן מַיין דַאנְקְבַּארְקֵייט פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

**אַ גֶעזוּנְטְן וִוינְטֶער.**

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת חַיֵי שָׂרָה, י"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵק מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי הָאט עֵצוֹת פַאר אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, בְּעִיקָר אֵיין עֵצָה וָואס הֶעלְפְט אוֹיף יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע פְּרָאבְּלֶעם - 'הִתְבּוֹדְדוּת', אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אוֹיסְצוּרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין קי.) אַז קֹרַח הָאט גֶעהַאט דְרֵיי הוּנְדֶערְט אֵייזְלֶען וָואס הָאבְּן גֶעטְרָאגְן בְּלוֹיז דִי שְׁלִיסְלֶעךְ פוּן זַיינֶע אוֹצְרוֹת, אַזוֹי רַייךְ אִיז קֹרַח גֶעוֶוען; אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶער פְּשַׁט אוֹיף דֶעם מַאֲמָר חַזַ"ל, שְׁלִיסְלֶעךְ זֶענֶען אַזוֹי וִוי עֵצוֹת. וֶוען מֶען הָאט אַ פַארְמַאכְטֶע פְּלַאץ, מֶען אִיז אִין אַ מַצָּב וָואס מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיז אַן עֵצָה אַזוֹי וִוי אַ שְׁלִיסְל וָואס מֶען קֶען זִיךְ אַרַיין בַּאקוּמֶען אִין יֶעדֶע סָארְט פַארְמַאכְטֶע פְּלַאץ. קֹרַח הָאט גֶעהַאט דְרֵיי הוּנְדֶערְט עֵצוֹת, פַאר יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם הָאט עֶר גֶעהַאט אַן אַנְדֶערֶע דִמְיוֹן, אָבֶּער מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעהַאט אֵיין מֵייסְטֶער שְׁלִיסְל - "תְּפִילָה"; מִיט דֶעם שְׁלִיסְל קֶען מֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן יֶעדֶע פַארְמַאכְטֶע צָרָה.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס בַּאדֶערְט אִים בֶּעט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר נִישְׁט קַיין דְרֵיי הוּנְדֶערְט אֵייזְלֶען וְכוּ', עֶר הָאט אֵיין שְׁלִיסְל 'הִתְבּוֹדְדוּת', וָואס דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אַ מֵייסְטֶער שְׁלִיסְל, מֶען קֶען אַרַיין גֵיין וואוּ מֶען וִויל, אוּן אַרוֹיס גֵיין פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם וָואס מֶען זָאל נָאר הָאבְּן.

דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ הָאסְט גֶעמֵיינְט אַז מִיר זֶענֶען דִי רַייכְסְטֶע קְהִילָּה וְכוּ'; וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז מִיר זֶענֶען טַאקֶע דִי רַייכְסְטֶע קְהִלָּה. אִין הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ לֶערְנֶען אַלֶע, נִישְׁט קַיין חִילוּק יוּנְג אָדֶער אַלְט, יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג, מִקְרָא, מִשְׁנָה אוּן גְמָרָא. סֵיי קִינְדֶער, סֵיי בָּחוּרִים אוּן סֵיי אִינְגֶעלַייט.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "אָמַר רַב הוּנָא בַּר יְהוּדָה אָמַר רַבִּי אַמִי, לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם,

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר, מַאֲרִיכִים לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ הָאט אֲרִיכוּת יָמִים; אִין הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ אִיז יֶעדְן טָאג אַ טָאג, מֶען הָאט אֲרִיכוּת יָמִים - אַסַאךְ טֶעג, מֶען זוּכְט נִישְׁט קַיין תֵּירוּצִים אוֹיף נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען, "הַיינְט אִיז עֶרֶב"; "מָארְגְן אִיז מוֹצָאֵי"; "אִיבֶּערְמָארְגְן אִיז פַּארְוָואלְקֶנְט"; "אֵייעֶר נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ שִׂמְחָה"; נָאר מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן טָאג, יֶעדְן טָאג אִיז אַ טָאג, יֶעדְן טָאג לֶערְנְט מֶען אַבִּיסְל מִקְרָא, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, יֶעדְן טָאג לֶערְנְט מֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י, מֶען הָאט מַמָּשׁ אֲרִיכוּת יָמִים.

נָאךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת קכ.): "וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה - זֶה שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַּלְמוּד", וֶוער אִיז אַן אָרֶעמַאן? אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט נִישְׁט קַיין מִקְרָא, עֶר לֶערְנְט נִישְׁט קַיין מִשְׁנַיּוֹת, אוּן נִישְׁט קַיין גְּמָרָא; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ מְצִיאוּת וָואס רוּפְט זִיךְ "גוֹסֵס", עֶס אִיז דָא אַ מְצִיאוּת וִוי אַ "בֵּית הַקְּבָרוֹת", דָארְט נֶעמְט מֶען מִיט נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה וָואס מֶען הָאט זִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט; תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ זֶענֶען גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים, יֶעדֶער תַּלְמִיד הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּם זַיין לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ; חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, נְבִיאִים וּכְתוּבִים, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, תַּלְמוּד בַּבְלִי, תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי, שִׁשָּׁה סִדְרֵי תּוֹסֶפְתָּא, רַמְבַּ"ם, טוּר, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, מֶדְרָשׁ רַבָּה, מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, וְתִיקּוּנִים, לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת וְכוּ' וְכוּ'; דָאס אִיז אַן אֵייבִּיגֶע עֲשִׁירוּת.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ שְׁרַייבּ מַיינֶע סְפָרִים נָאר פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס טְרַאכְט: 'אֵיין טָאג וֶועל אִיךְ זַיין אַ גוֹסֵס אוּן אַ נִפְטָר, אִיךְ וֶועל לִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר', אֵיינֶער וָואס טְרַאכְט נִישְׁט אַז אֵיין טָאג וֶועט עֶר שְׁטַארְבְּן אוּן לִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר - אִיז בַּיי מִיר חָשׁוּב אַזוֹי וִוי אַ בְּהֵמָה, וָואס לֶעבְּט, עֶסְט, שְׁלָאפְט, אוּן וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דֶער סוֹף אִיז".

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז אַמָאל גֶעפָארְן צוּ אַ שִׂמְחָה, אוֹיפְ'ן וֶועג פָארְנְדִיג אַהִין, הָאט דֶער דְרֵייוֶוער אָנְגֶעצִינְדְן פַאר מוֹהֲרָא"שׁ דֶעם נִיגוּן: "מִיט וָואס? מִיט וָואס? מִיט וָואס וֶועט מֶען קוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט..." (עֶס אִיז דָא אַ בְּרֶסְלֶב'עֶ קַאסֶעטֶע וָואס הָאט דֶערוֹיף דֶעם נִיגוּן), דֶער נִיגוּן גֵייט וַוייטֶער: "נִישְׁט קַיין חֲצוֹת, נִישְׁט קַיין תְּפִלָּה בְּכֹחַ, נִישְׁט קַיין תִּיקּוּן הַבְּרִית - מִיט וָואס וֶועסְטוּ קוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט..." יֶענֶע וָואךְ בַּיים שִׁיעוּר לֵיל שִׁשִּׁי הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן אוּן אוֹיסְגֶעפִירְט: "מִיט וָואס? מִיט וָואס? מִיט וָואס וֶועט מֶען קוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; מִיט מַיינֶע פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, מִיט מַיינֶע דַפִּים גְּמָרָא, מִיט מַיינֶע דִיבּוּרִים וָואס אִיךְ רֶעד יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, מִיט דֶעם וֶועל אִיךְ קוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט".

דֶערְפַאר, זֶע דוּ אוֹיךְ אוֹיס צוּ נִיצְן דַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט דַארְפְן זִינְגֶען אוֹיף דֶער עֶלְטֶער דֶעם צֶעבְּרָאכֶענֶעם נִיגוּן: "מִיט וָואס וֶועל קוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט".

לַיידֶער מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן, אַז אֲפִילוּ אִין בְּרֶסְלֶב אַלֵיין רֶעדְט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט פוּן תַּכְלִית, אַז מֶען זָאל יֶעדְן טָאג אַרַיין כַאפְּן מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא וְכוּ', בִּשְׁעַת דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כח): "רָאוּי לְאָדָם שֶׁיַּעֲבוֹר וְיֵלֵךְ בָּזֶה הָעוֹלָם בְּכָל הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים, וְלִלְמֹד כּוּלָם כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה בְּכָל מָקוֹם", אַ מֶענְטְשׁ זָאל לֶערְנֶען אַלֶע סְפָרִים וָואס עֶס זֶענֶען פַארְהַאן, עֶר זָאל זַיין בַּאקַאנְט אִיבֶּערָאל, "כְּמוֹ שֶׁנִּמְצָא הַשָּׂרִים הַגְּדוֹלִים שֶׁהוֹלְכִים וְעוֹבְרִים בַּמְּדִינוֹת, וּמוֹצִיאִים הוֹצָאוֹת רַבּוֹת עַל זֶה כְּדֵי שֶׁיּוּכַל אַחַר כֵּן לְהִתְפָּאֵר וְלוֹמַר שֶׁהָיָה בַּמְּדִינוֹת", אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן, אַז מֶענְטְשְׁן גֶעבְּן אוֹיס אַסַאךְ גֶעלְט אַרוּם צוּ פָארְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, כְּדֵי זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען נָאכְדֶעם בַּארִימֶען: "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דָא אוּן דָארְט", "כְּמוֹ כֵּן, רָאוּי שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם בָּעוֹלָם הַזֶּה בְּכָל מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים שֶׁל הַתּוֹרָה, כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְהִתְפָּאֵר בָּעוֹלָם הַבָּא שֶׁהָיָה בְּכָל מָקוֹם, דְּהַיְינוּ בְּכָל הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים", אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי, זָאל אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנֶען אַלֶע סְפָרִים, כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ, כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען בַּארִימֶען אוֹיבְן אִין הִימְל: "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִיבֶּערָאל", "וּלְעָתִיד בָּעוֹלָם הַבָּא מַזְכִּירִין אוֹתוֹ כָּל מַה שֶּׁלָּמַד בָּעוֹלָם הַזֶּה", אוּן אוֹיבְן אִין הִימְל לֶערְנְט מֶען מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אַלֶעס וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען בָּזֶה הָעוֹלָם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַיֵּי שָׂרָה תשע"ח)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## בר מצוה פון אייניקל פון הרב הצדיק ר' יצחק לעזער שליט"א אין שטעטל

פארגאנגענעם ליל שישי איז פארגעקומען א געהויבענע שמחת בר מצוה אין שטעטל ווען הרה"ג ר' יעקב לעזער שליט"א פון די חשובע תלמידי חכמים אין שטעטל האט בר מצוה געמאכט זיין חשובע זון נ"י. דער בר מצוה איז פארגעקומען אויף א באשיידענע פארנעם, עס איז געווען א מסיבה שתלמידי חכמים מסובים בא, עס האבן זיך באטייליגט די חשובע זיידעס, **בראשם הרב הצדיק ר' יצחק שליט"א** דער רב פון קהילת היכל הקודש אין יבנאל און הרב ר' מרדכי יונה שיק שליט"א, אזוי אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערענט דער וועכענטליכע ליל שישי שיעור די וואך אין שטעטל, כדי ער זאל זיך קענען באטייליגן ביים בר מצוה.

דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט אין זיין בריוו די וואך איבער זיין גרויסע שמחה אז ער האט זיך געקענט באטייליגן ביים שמחה **"די וואך ליל שישי האב איך געגעבן די שיעור אין שטעטל. איך בין ארויסגעפארן אויף א שמחה, א בר מצוה פון משפחת יעקב לעזער, אויך דער זיידע הרב רבי יצחק שליט"א איז געקומען פון יבנאל; איך האב זיך זייער געפרייט זיך צו טרעפן מיט אים".**

אזוי אויך שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א זיינע שטארקע הכרת הטוב געפילן צום זיידן הרב הצדיק ר' יצחק שליט"א **"רבי יצחק שליט"א איז געקומען פון יבנאל קיין אמעריקע, עס איז געווען א מסיבה פאר זיינע הייליגע מוסדות. איך האב זייער הנאה געהאט צו זיין דארט, איך קום אזויפיל הכרת הטוב פאר רבי יצחק שליט"א, ער האט מיר אלע יארן אזוי מחזק געווען; ווען איך בין אריבער מיינע שווערע יארן אין היכל הקודש וכו' וכו' האט רבי יצחק שליט"א מיך זייער מחזק געווען. איך האב זייער ליב תלמידי היכל הקודש, עס איז ממש וואס דער רבי זאגט (חיי מוהר"ן, סימן רצב): "העולם ראוי שיתמהו עצמן על האהבה שבינינו", די וועלט וועט זיך וואונדערן אויף די ליבשאפט וואס וועט זיין צווישן ענק; וואס זאל איך דיר זאגן, ביי תלמידי היכל הקודש זעט מען עס; איין ווארט קען מען זאגן: "אשרינו".**

אויך האבן אנשי שלומינו א שטארקע הכרת הטוב צו די עלטערן פון די בר מצוה בחור וועלכע געבן זיך אוועק טאג און נאכט פאר אנשי שלומינו, הרב ר' יעקב שליט"א איז פון די אויסגערופענע תלמידי חכמים אין כולל וואס איז עוסק בתורה יומם ולילה און יעדע הלכה'דיגע פראיעקט אין שטעטל ווערט אויסגעארבעט דורך די תלמידי חכמים. אזוי אויך מרת לעזער תחי' געבט זיך אוועק פאר די טייערע קינדערלעך זייענדיג די **מנהלת** אין מיידל שולע, און באגלייט די קינדער און די טיטשערס אז די מוסדות זאלן קענען ארויסגעבן שיינע פירות קינדער וואס זענען יראי' ה' בעלי מידות טובות און געזונטע עקרת הבית און מאמעס וואס קענען ווייטער ציען ערליכע אידישע דורות.

זאל דער אויבערשטער העלפן אז די עלטערן און די זיידעס זאלן ווייטער זען נאר אידיש נחת ביי אלע זייערע קינדער און אייניקלעך אמן.


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **משה בלוי** הי"ו

צו זיין חתונה למזל טוב עב"ג

בת הר"ר **נתן רוזנבערג** שליט"א

***

מו"ה **ישראל דוד העסקעל** הי"ו

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

## נוסח תפילת שבת

**הערט אריינגעזינגען די שבת'דיגע נוסח התפילה**

**שיין און הארציג**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1,6,4**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 / 212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380